1 - גימ

ג ע מ אַ ג ל י ע ו ו ע ט - פֿאַר פֿון מאגליעוועז.

2 - גמ

גמאָזלט – פֿאַר פֿון מאָזלען.

3 –

ג ע מ אַ ז ש ע ט – פֿאַר פֿון מאַזשען.

3

4 – גמ

ג ע מ אַ ט – פֿאַר פֿון מאַטן (געבן מאַט).

3

5 - גמ

ג ע מ אָ ט ע ט – פֿאַר פֿון מאָטען (וויקלען).

3

ג ע מ א ט ע ר ט – 1. <u>פאר פון</u> <u>מאטערן</u>.

2. וואס באקומט זיך נאך גרויסע אנשטרענגונג, ניט נאטירלעך, געמאכט, געקינצלט. % די לידער זיינען <u>געמאטערטע</u>, אויסגעקליגלטע. דער קאמענטאר זיינער איז א <u>געמאטערטער</u>, לייגט זיך ניט אויפן שכל.

1911 " ליבשאפט איז נאר גוט דאן, אז עס קומט פון דעם
גוטן ווילן..., ניט קיין <u>געמאטערטע</u> ליבע". 12
<u>הרכבי, 1, 34</u>.

1959 " זיינע פאזיטיווע 'געשטאלט=טעאריעס' ברענגט
ער ארויס אין אבסטראקטע, <u>געמאטערטע</u>, פארפלאנטערטע 11
און פארעמלאזע זאצן". <u>ניגער, 9, 137</u>.

1968 " |...| האט ר' צמחס <u>געמאטערטער</u> שמייכל זיך
אויסגעלאשן |...|". <u>גראדע, 7, 409</u>. קאנק

ג ע מ אַ ך I - דער, מצ געמעכער/געמאַכן, פּפּ געמאַך, מצ געמאַכן. 1. גרויסער שיינער בנין. 7

1915 " אַריבער מײַנע גערטנער און געמעכער // די לבֿנה שײַנט". נײַדוס, 1, 5. 26

1929 " און הוליען זיי ווי אין פּריצישע געמעכער". גראַס, 1, 29. 32

1943 " ווינט ווי אַ מאַגנאַט אין פּריצישן געמאַך // מיט שטאַלן, פערד און קאַטש". באַריישאַ, 3, 257. 24

1961 " רייסן די פּלאַקאַטן פון געמאַכן, // כדי מיט דעם זיך צוצודעקן". י. י. שוואַרץ, 5, 186. 38

2. (עלט) ווינאַרט, קאַמער, צימער, (אַפּט געמיינט: גרויס, באַקוועם).

1899 " ער פלעגט זיך אפט פארשליסן אין זיין געמאך,

54 און קיינער האט [ניט] געטארט פאר זיין געזיכט זיך

באוויזן". איבן, שפערלינג, 1, 9.

1936 " פארדעם זונבאל האט ער געמאכט א געצעלט

25 אין זיי, און ער, ווי א חתן, גייט ארויס פון זיין

געמאך". איבן, גראס תהילים, יט - 6.

1957 " א וווינארט פון א בל=חי אין וואלד, א נארע

34 אין דער ערד, א שטיקל געמאך פון צווייגן און בלעטער".

ברוסילאוו, 2, 16.

ᵒ גימאך. מה"ד: gemach.

~~געמאַך II - (עלט) רו, באַקוועמלעכקייט.~~

נאר אין דער פראַזע:

לאזן געמאַך - (עט) לאָזן צו רו, ניט דערקוטשען,
אויפהערן צו רעדן וועגן אַן ענין.

1819 " מיין מזל איז געווען, וואס פריידה איז דר
ביי א גיווען, האט זיא מיך מיט איהר חכמה מציל 72
גיווען. זי האט דעם פריץ גיבעטין ער זאל מיך
גימאך לאזין". פערל, 1, 24.

... " מירל, מירל... לאַז געמאַך... עס איז שוין

21 פֿאַרפֿאַלן, איך האָב שוין מײַנס אָפּגעשפּילט".

פּרץ, 6, 96.

1914 " לאַז געמאַך! וואַניאַ, לאָז צו רו!".

19 שלום=עליכם, 36, 19.

1947 " ווײַסע שטראַלן, פֿלינקע שטיפֿער, // און זיי

37 לאָזן נישט געמאַך". אהרן צייטלין, 5א, 66.

אדער מאַך אדער לאַז געמאַך! – איינס פֿון די ביידע;

11 - גימ

ג ע מ א כ ט – 1. פאר פון מאכן.

2. אדי/אדוו. ניט עכט, ניט נאטירלעך, קינסטלעך,

פאלש. % זיין באוווּנדערן דאס בילד איז געמאכט,

פאקטיש געפעלט עס אים ניט. אויפן פנים ליגט א

געמאכט שמייכעלע, פלומרשט איז ער צופרידן.

1832 " ער זאָל זאָגן תהילים תיכף=ומיד |...| בתכלית

104 און ניט |...| קיין געמאַכטע צעבראָכנקייט".

דוב בער |...|, 2, אות א.

רעד: אויסלייג מאָדערניזירט אין דער אויסג פון 1940.

1895 " |...| דאַ שפּלות, עניות, געמיינע אינטריגעס,

101 מיט געמאַכטן התלהבות אויף אַ שנאַפּס מיט אַ רעטשאַניק".

ליניעצקי, 9, 119.

1904 " מרדכי=נתן שטייט פֿאַר אים מיט אַ געמאַכטן

94 דרך=ארץ, מיט אַ געמלאכהטן רעשפּעקט".

שלום=עליכם, ~~179~~ 107, 179.

1968 " |...| האָט ר' שימחה געענטפֿערט אַן אָפּגעקילטער

קאנק און מיט אַ געמאַכטער תמימות אַ פרעג געטאָן:

'ער איז טאַקע אייַער תלמיד'?". גראַדע, 7, 295.

|| געמאַכטקייט – די, באַ. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן געמאַכט,
ב 2.

1911 " לעזט |=לייענט| איר די פּיעסע, פֿאַלט אײַך באַלד
אײַך די געמאַכטקייט פֿון דער גאַנצער אינטריגע". 114
ס. ראַסקין, ~~זש׳ דאָס נײַע לעבן~~, סעפּטעמבער, ז׳ 47. (פֿט׳ 125,)

1958 " דאָס קומט אָבער פֿאַר אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן.
עס פֿילט זיך ניט די געמאַכטקייט פֿון אַ טענדענץ". 115
ניגער, 8, 226.

/7 געמאַכטער מענטש – " איינער וואָס ס׳האָט אים
אָפּגעגליקט." ער האָט געקראָגן אַ לײַטישע שטעלע,
ער איז שוין אַ געמאַכטער מענטש". |ב.י. ראָזען, פֿט׳ 90,
~~זש׳ יידישע~~ VI, 3 – 6, ז׳ 62|.

1930 " אין פּעטערבורג געלינגט אים צו פֿאַרבינדן
באַציִונגען מיט אײַנפֿלוסרײַכע ספֿערן און אַ דאַנק 106
דעם באַקומט ער דעם ׳פּאַדריאַד׳ אויסצובויען דעם

"וואַרשעווער" וואָקזאַל, און אַזוי אַרום ווערט ער
דער "געמאַכטער מענטש". ~~וואַרשע,~~ פּעז 85 ב' 1, ז' 4.

1964 " און ווען גאָט העלפֿט אים און ער קען צונויפֿזאַמלען 18 טויזנט דאָלאַר, איז ער אַ "געמאַכטער מענטש" שוין 74
אויף אייביק". ק. גאָלד, ~~צ' פֿאָר~~, פּלור 155, 19/I.

**געמאַכטער קאָפּ** – אַן אָפּנאַרער, אַ כיטראַק
|סטוטש 363|.

**געמאַכטער האָניק** – האָניק קינסטלעכער, ניט פֿון בינען.

**געמאַכטער פֿאָלד (פֿאַלב)** – אַ קנייטש אין אַ מלבוש,
וואָס זעט אויס ווי אַ פֿאַלד.

**שווּ: אַ געמאַכטער איז ערגער ווי אַ געבוירענער** –
א) געזאָגט וועגן אַן אויפֿגעקומענעם גביר.
ב) וועגן איינעם וואָס מאַכט זיך פֿאַר אַ נאַר.

15 - גרש

<u>גמאכט</u>.ם

2. ←----

1743 " אונ׳ עש וואר דען זעקסטן טאג אין (טבֿת)

דא האט זיך דער <u>גמכטער</u> (משיח) פֿר קלארט אין די א 86

שטאט אזמיר פר אל דש פאלק |...|". <u>שארית ישראל</u>,

<u>דף קב - 2.</u>

א' 15 10

?נ? ם | געמאַכלער | ג מ ח ל י כ א / ג מ א ק ל י ך - אַדי/אַדוו.

דזוו געמעכלער.

... "בלט - גמחליכא, כמ׳ אתנהלה לאט, ל׳ בנחת".

רייכלין 8, רות ג - ז. 125

16 - גרמ

געמ - מ

1743 " דא זיינן פיל, יהודים גוועזן דיא גערן במאקליך

234 קאשט וועלטן האבן, זקנדר ווערקן, דיא גינגן אין

דש הויז אונ' זיינן נוצרים גווארן". שארית ישראל,

דף 3א - 2.

געמאַל - דער. =ן. (דטשמ) מאַן (פֿון א וויַיב).

1873 " ווי גייט עס? וואָס מאַכט איַיער ווערטער

קאנק |=חשובער| געמאַל, הער ביק?". מענדעלע, 1, קאנק 92890.

|| געמאַלין - די, =ס. (דטשמ) פֿרוי (פֿון א מאַן).

1908 " וואָס מאַכט דאָס ווערטע |=חשובע| פֿריַילין?

127 אירע פֿרוי געמאַלין?". מ.לערנער, 1, 7.

ם גימאַלין.

1713 " מיין גימאַלין זליכה |...| קאן זי ניט בייא

182 וואננן דיזי פריידן". מכירת יוסף, 504.

18 - גימ

ג ע מ אָ ל ד ן — פֿאַר פֿון <u>מעלדן</u>.

19 - גוט

געמאָלט – 1. פֿאַר פֿון מאָלן (מיט פֿאַרב).

2. (געמאָלט זיין) מיגלעך זיין.

1819 " אדרבא איך בעט אייך, ווי איזט דאס גימאלט

156 איין מענש זאל אים אידום |=אומעטום| זיין אין

זאל דאס אלצדינג קאנין וויסן". פערל, הקדמה צו

מגלה טמירין".

1866 " קען שוין גריילעך געמאָלט זיין, דאָס די שׂריפֿה

169 |...| איז אויך ניט געווען בדרך נס |...|".

דיק, 26, 10.

1913 – 1916 " עס גיט זיך אויס אַ נאַכט! אַזאַ נאַכט קאָן

157 געמאָלט זיין נאָר שימחת=תורה צו הקפֿות".

שלום=עליכם, 38, 98.

1975 " קאָן דען געמאָלט זיין |...|, אַז באַוועגונג זאל

קאנק זיך לאָזן באַהערשן פֿון רו?". סוצקעווער, 7, 102.

|| געמאלטקייט – די, בא. מיגלעכקייט.

ערשטנס: ביי א מאלער קען אלץ געמאלט זיין – וואָרטשפּיל:
געמאלט (מיט פאַרבן): געמאָלט (מעגלעך).

אין קדושין (מ"ו) שטייט: "הרי שלחן והרי בשר והרי סכין
ואין לנו פה לאכול" פרעגן קינדער: ווי איז דאס
געמאלט? איז דער תירוץ: געמאלט – דאָס זעלבע
וואָרטשפּיל | עלזעט, יידישע מאכלים II, ווארשע, תר"פ.ז' 86|.

ס'קען ניט געמאלט זיין! – אָפּט געניצטע אויסרוף,
געמיינט: ס'איז ניט מיגלעך! ס'קאָן ניט זיין!

ווי איז דאס געמאלט? – אויסרוף פון חידוש, שטוינונג:
ווי קען עס (מיגלעך) זיין?

21 - גימ

געמאָלטס - דאָס, =ן. (שנש) בילד, געמאָלטע זאַך.

1948 " ווי א מזמור זיך געלייגט האָט דאָס געמאָלטס,

129 און דאָס געשניץ האָט אַלע ווײַל געטאָן אַ הייב אים".

מארקיש, 9, 101.

ג ע מ א ל ט ע ר ט  –  אדי/אדוו. (רעג. קארפּאטארוס)

בנב.

1939 " יידן |...| וווינען צעזייט און צעשפּרייט אין
174 קליינע האַלצערנע שטיבלעך, צווישן די קאַרפּאַטן און
אויף לאַזעס אין די בערג, איינס געקאַלעכט, איינס
געמאַלטערט, איינס פון נאַקעטע העלצער אַליין".
אַפּשאַן, 1, 4.

1968 " עס האָט נישט געפעלט אין די אָרעמע יִשובֿים
175 הײַזער, וועלכע זענען פּארבליבן פון פריִערדיקע
צײַטן, איינס געקאַלעכט, איינס געמאַלטערט, איינס פון
נאַקעטע העלצער אַליין". ש. רוזמאַן, יזב ~~קרפטורס~~ 20
~~מרמורש~~, ז' ל"ה.

|  |
|---|
| רעד: 'געמאַלטערט' צי 'געמאַלטערט'? |

23 - ג״א

ג ע מ אַ ל י ע וו ע ט – פֿאַר פֿון מאַליעווען.

3

ג ע מ אַ ל ן — 1. פֿאַר און פֿאַדי פֿון מאָלן (אויף מעל).

1888 " |...| געגעבן אים שמעקן טאַבעקע, איבערגעבערענטע 177
געמאַלענע קאַווע". מענדעלע, 3, 103.

2. (זן) פֿאַר און פֿאַדי פֿון מאָלן (מיט פֿאַרבן).

1954 " נישט מער די כעלעמער ייִדישע אָרנאַמענטיק, די
אַלטע וווײַבערשע שול מיט די געמאַלענע שײַבלעך".
פּ. זיגלבוים, יזב ~~כעלם~~, 10, ז' 478.

1957 " |...| טיילט זיך אויס// דעם מענטשנס האַנט=
געמאַכט און ווײַס געמאַלן הויז". לעיעלעס, 5, 43. קאנק

25 – גע

געמ – .

ג ע מ אָ ל ע כ ץ – דאָס, =ן. אַ געמאָלט בילד, בילדער, רעזולטאַט פֿון מאָלן, דאָס וואָס איז אויסגעמאָלט, מאָלערײַ.

1915 " |...| געמאָלעכץ אויף די ווענט". ראַלניק, 1, 276. 184

1929 " איר האָט דאָ אָפּגעמאָלט זייער אַ שיין בילד מיט דיאַגראַמעס און מיט אַנדערע געמאָלעכצן. אַבטשוק, 1, 112. 189

1948 " |...| אַרונטערגעם שנעלער די |דאָס| געמאָלעכץ – דאָס איז פֿאַרבלענדעניש". סעגאַלאָוויטש, 12, 54. 187

26 - גמ

ג ע מ אָ ל צ ט |ווייכער ל| - פֿאַר פֿון מאַלצן.

27 – גימ

ג ע מ אָ ל ק ן – פֿאַר פֿון מעלקן.

28 - גר״א

ם |געמאָלש| ג י מ א ל ש – דאָס. געמאָלטע זאַך, בילד.

1743 " דארום ראט איך דיר דש דוא זאלשט אויש מאלין

לאזין דיא גשטאלט פון דיא קינדר אויף איין טאביל 128

אונ' שיק עש דארך מיר |...| אונ' זיא שיקט דש

גימאלש |...| צו אנטוניגוס". יוסיפון, 4, דף ק"ז.

29 - גיר

?נ? ג ע מ אַ מ ע ט - אַדי. (שנש). וואָס האָט אַ מאַמע.

1925 " ניט קיין געטאַטעטער,// ניט קיין געמאַמעטער,

געט - 218 // היימען געווען און פּאַרלאָזן" פּעפּער, 1א. 178.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

30 - גמ

ג ע מ אַ מ ק ע ט - פֿאַר פֿון מאַמקען |האַרקאַווי|.

31 - גזמ

[redacted] - געמ

ג ע מ אַ ן – דער, =ן.(איר?) מאַן.

1970 " די קליינע קינדער מוזן האַלטן די קראָם

מיט דער הילף פֿון אַנדערע קרעמערקעס, בעת 191

דאָס ווייַב איז געלעגן אין קימפּעט – ער, דער

געמאַן, איז געזעסן און געלערנט". ב.צ. גאָלדבערג, פּוז 68,

~~צ' טאג~~, XI /21.

רעד: ניט זיכער אין ספּעציפֿיקאַציע און אויסטייַטש,
דאָ נאָר די איינע ציטאַטע.

ג ע מ אַ ן – דאָס/דער, באַ. (שנש) דאָס דויערנדיקע מאַנען.

1945 " איך דו ביסט פֿול מיט טענות און גע‏מאַן,

// איך דו ביסט מיטן סדר=העולם ניט צופֿרידן". 192

ליוויק, 8, 167.

33 - גימ

ג ע מ אַ נ ג ל ט - פֿאַר פֿון מאַנגלען.

34 - לד

ג ע מ אַ נ ד ל ט - אַדי. (שנש) בנב.

1949 " |...| דער באָבעס גוּעמאַנדלט איינִיקל".

שניאור, 11, 70. 199

---

רעד: צו אַ קליינער קאָנטעקסט, מע זאָל זיך קענען אָנשטויסן וואָס שניאור מיינט מיט דעם

וואָרט: א) וואָס האָט מאַנדלען אין האַלדז?

ב) וואָס מע גיט דעם קינד (עס עסט) מאַנדלען?

ג) וואָס די באָבע זינגט אים וועגן "ראָזשינקעס מיט מאַנדלען"?

35 - גדמ

ג ע מ אָ נ ט – פֿאַר פֿון מאָנען.

36 - גימ

געמ - [redacted].

ג ע מ א נ ט ל ט - אדי/אדור. (שנש) וואס איז אין א מאנטל.

1915 " |...| דער ריכטער שווארץ געמאנטלט".

רויזענבלאט, 1, 296. 203

37 -

ג ע מ אָ נ ט ע ט – פאַר פֿון מאָנטען.

ג ע מ אָ נ ט ע ר  -  דער, מצ [redacted] געמאָנטע.

דער אָנגעקלאָגטער אין אַ מישפּט, קעגן וועמען

מע שטעלט אַרויס אַ תּביעה, מאָנונג.

1945  " פֿאַר מײַן גאָט וועל איך אַלײן זײַן דער

202 געמאָנטער". באַריישא, 3, 383.

1961  " אין |...| קרימינעלע ענינים, אין וועלכע

206 דער געמאָנטער איז אַ קריסט און דער מאָנער -

אַ ייִד, ווערן זיי באַהאַנדלט |...| לויטן פּוילישן

געזעץ". נ. געלבער, יזב לוצק, ז' 52.

39 - גימ

ג ע מ <u>א</u> נ י ע ט - <u>פֿאר</u> <u>פון</u> <u>מאניען</u>.

גמ-40

געמאָס — דער, |=ן?|. (נש, טערמ׳ געאָמ) בנב.

|טערמינאָלאָגיע געאָמעטריע|...|, ווילנע, 1921,

~~זש׳ די נייע שול~~ פּער 128.

רעד: אין קאַרטל איז דאָ דער רוסישער טערמין
פֿאַר וועלכן דאָס וואָרט איז געשאַפֿן געוואָרן:
размер, וואס מע קען עס פּשוטער טייטשן
׳מאָס׳ אָדער ׳מאָסן׳.

ג ע מ אָ ס ט ן – 1. פֿאַר פֿון מעסטן.

2. אַדי/אַדוו. (וועגן טריט) געלאַסן, ניט=געאײַלט,
ריטמיש.

1913 – 1916 " אירע טריט געמאָסטן, // איר פֿיגור
איז שלאַנק". רייזען, 1, 19. 218

1943 " און יעדער וועט, אין זיך פֿאַרקלערט, מיט אַ
געמאָסטן |געמאָסטענעם| טראָט פֿאַרגאָזן אָט די 220
זינדיקע און אויסגעברענטע שטאָט". אײַנהאָרן, 8, 35.

1968 " הינטערן קאָמענדאַנט האָבן מיט געמאָסטענע
טריט געשפּאַנט בחורים מיט פּירקאַנטיקע פּלייצעס". קאנק
גראַדע, 7, 71.

3. (וועגן אַ קינד) זייער אָפּגעהיט, געקעכלט. |סטוטש 561|.
% ער איז בײַ מיר אַ געמאָסטענער, פֿון דרײַ איינער
געבליבן.

42 – 1½

|| גע**מ**אָסטנקייט – גלייכמאָסיקייט, ריטמישקייט.

1955 " אַז פּאָעזיע פאַרמאָגט אַ באַשטימטן ריטעם און

227 גע**מ**אָסטנקייט – וועגן דעם גיט זיך אָפּ אַ חשבון

יעדער לייענער". קאַזדאַן, ז״ש׳ [ייִשפּ] פּרזו 90, נ״XV – 2, ז״33.

1959 " אין פּרישמאַנס שרײַבן איז דאָ די גע**מ**אָסטנקייט

226 פון אַרכיטעקטור". ניגער, 9, 350.

// ווי געמאָסטן [וואַר: גלײַך ווי געמאָסטן] – אַקוראַט,

ן ייער פּאַסיק, צוגעפּאַסט.

1916 " דאָס איז פאַר אונדז די ריכטיקע באַנעס.

קאנק גלײַך ווי געמאָסטן". שלום=עליכם, 30, 196.

ניט אויף מיר געמאָסטן – דזוו ניט פאַר מיר געדאַכט,

(געזאָגט וועגן עמעצער שעלט).

געוווגן און געמאָסטן – גוט באַקלערט, באַטראַכט פון

אַלע אַספּעקטן.

1955 " אויף אַשם פּראַזע קאָן מען זאָגן, אַז זי איז

224 אויף אַן אמת געמאַסטן און געוויגן". קאַזדאַן.

כּוּר 90,

~~דש׳ רישפּ.~~ נ׳ XV - 2, ז׳ 46.

1968 " ער האָט אין געדאַנק געוויגן און געמאַסטן,

קאַנק צי ער דאַרף מיטן ייִד ריידן |...|". גראַדע, 63,7.

□ גימאַסטן.

4. געציילט, קנאַפּ, ווינציק.

1744 " |...| בישט אַך דיא זייטן פון דיין הויז

216 מיט גימאַסטני טאַגן, דען וואַן דיא צייט קומט

44 – גמ

ג ע מ אָ ס ט ע ט (ז י ך) – פֿאַר פֿון מאָסטען (זיך).

45 -

ג ע מ אָ צ ע וו ע ט – <u>פֿאַר פֿון</u> <u>מאָצעווען</u>.

46 –

(?נ?) ג ע מ <u>א</u> צ ע ט – <u>פאר פון</u> <u>מאצען</u> (?נ?).

47 - מע

ג ע מ אַ ר אַ ט ש ע ט - <u>פֿאַר פֿון</u> <u>מאַראַטשען</u>.

48 – עמ'

ג ע מ אָ ר ד – דאס/דער, בא. 1. (עלט) קרבן פֿון
מאָרד, דער ווען מען מאָרדעט.

1851 " גאט וועט דיר |=דיך| געבן געמאָרד פֿאַר דיינע
פֿיינט". איבן, חומש עם עברי=טייטש, דברים, כח –כה. 237
|תרגום יהואש: יתנק ה' נגף לפני אויביך –
גאָט וועט דיך געבן א געשלאָגענעם פֿאַר דײַנע פֿײַנט.|

2. (שנש?) מערדערײַ, הריגה.

49 - גמר

ג ע מ אָ ר ד (ע) ט - פאַר פֿון מאָרדן.

50 –

ג ע מ אָ ר ד ע וו ע ט – פֿאַר פֿון מאַרדעווען.

ג ע מ אַ ר ו ד ז ש ע ט – <u>פֿאַר פֿון</u> <u>מאַרודזשען</u>.

געמאַרמערט - אַדי/אַדוו. באַדעקט מיט מאַרמאָר (מערמלשטיין); מאַרמאָרנע.

1885 " די גרויסע שול מיט די געמאַרמערטע |...| ווענט און קאָלאָנעס, מיט דעם געשניצטן |...| 245

74

ארון=קודש". א.י. בוכבינדער, ~~צ׳ ייפאַל~~, נ׳ 21, ז׳314.

53 - נ״ג

ג ע מ אָ ר ע ט – פֿאַר פֿון מאָרען.

54 - גמר

ג.ע מ אָ ר ק - דאס, =ן/געמערק. 1. (עלט) גרענעץ.

1851 " דו טארסט ניט אוועקרוקן דעם געמארק פון

דיין חבר אין זיין פעלד ארײַן כדי דיין פעלד זאל 277

ברייטער ווערן". איבן, חומש מיט עברי=טײַטש,

דברים, יט - יד.

באמ: אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט דורכן אויסשרײַבער.

1922 " מיר'ן אויף וועג און שטעג בלאָנדזשען,

מיר'ן אַן גרעניצן און געמערק זיך שטרויכלען". 261

י.י. זינגער, 1א, 50.

1941 " אויף די געמארקן זיצט בת=ציון, ווי אַ זונה".

פֿיינבערג, 3, 14. 268

2. (עלט) שטח, געגנט אין באַשטימטע גרענעצן.

1849 " און זאָלסט אונדז פֿלאַנצן אין אונדזער געמאַרק,

דאָרט וועלן מיר מקריב זיין פֿאַר די קרבנות". 265

הנובר, 1, 38.

| |
|---|
| באַמ: אָרטאָגראַפֿיע מאָדערניזירט דורכן אויסשרייבער. |

1872 " אַלע די שטיין |=שטיינער| די דאָ זיינען

פֿריער געוועזן אין דיין געמאַרק, די זאָלן זיין 278

אַצינדערט אבנים טובות". צאינה וראינה, 3,

הפטורת נח.

1931 " האט דער פֿירשט דעריבער אַלע פֿריזירער

פֿון זיין געמאַרק פֿאַרטריבן". ז. שפּירא, 66,1. 251

1941 " און אַלע ביימער, וואס אויפֿן פֿעלד, וואָס אין
זיין גאנצן געמארק רונד אַרום". תרגום, יהואש, 284
בראשית, כג - 17.

1968 " |...| ווען ס'איז עפּעס פֿויל, נישט בלויז
אין דענעמארק, נאַר אויך אין אונדזער אייגענעם 249
געמארק". מאַניק, 3, 21.

3. מאַרק.

1972 " מען האָט זיי ברייט אויסגעשטעלט אין די
שטעטלעך אויף די געמארקן און זיי געפּרוּווט פּאַרקויפֿן 258
פֿאַר בחצי=חינם". טענענבוים, ~~זש' אונזער צייט~~, פֿאָרו 4
נ' אקטאבער=דעצעמבער, ז' 161.

> רעד: כ'מיין אַז טענענבוים האָט דאַ געניצט דאָס
> וואָרט ניט קאַרעקט... כ'האָב קיין מאָל ניט
> געהערט מע זאָל זאָגן אויף א מאַרק "געמארק"....

ם <u>גימארק/גימערק</u>.

1. ←----

1676 " איך מסכת אבות זאגט רבי עקיבא (סיג לחכמה

273 שתיקה) דז איז טייטש איין <u>גימערק</u> צו די קלוגהייט

איז שווייגן". <u>ברנט שפיגל, פרק מז</u>.

1744 " אבר דש ברייטי ווייטי הערץ פון דער פֿר

266 שטענטיגן מאן דז הט קיין ענד אדר <u>גימארקן</u>".

<u>בחינת עולם, 1, ג – 1</u>.

2. ←----

1679 " וואו דוא דיך אביר ווייגירשט צו לאזין

252 |די ייגן| ציהן זיך, זוא וויל איך אלי דייני

<u>גימארקין</u> מיט פרעש פלאגין". <u>בליץ, שמות, ז – כז</u>.

1723 " זיא קונן נישט אנדרש אלז דאז זי שטין איך איר,

275 <u>גימערק</u> אונ' לובן הקב"ה". <u>לב טוב, 2, דף א – ו</u>.

58 - גזמ

ג ע מ אַ ר ק ט - פאַר פון מאַרקן.

ג ע מ אַ ר ק ן - טרוו. (עלט) אָפּמאַרקירן/מאַכן אַ גרענעץ,
אָפּגרענעצן, אָנצייכענען אַ גרענעץ |סטוטש 144|.

□

**גימערקן.**

1610 "אונ׳ ער זאגט משה צו גאט ניט עש טאר דש
פאלק צו אויף גין אויף בערג סיני ווען דוא הושט 297
פֿר וויארט אן אונש צו זאגן גימערק דען בערג אונ׳
צו זאלשט הייליגן אין". טײַטש=חומש, שמות, יט - כג.

1713 " זיא ווארן גמרקט גרינגז הרום צוהר סיני פון
זיינם זייטן". מחזור, 1, דף קנא - 2. 296

רעד: דאַרף מען לייענען "געמערק" אָדער"געמאַרק"?

געמ – [redacted].

?נ?                ג ע מ אַ ר ש ט ש ע ט/ג ע מ אָ ר ש ט ש ע ט – אדי/אדוו.

(סלאוו, נא) גערונצלט, געקנייטשט.

P: marszczyć; Uk: морщити.

1885 " |...| דער אַלטיטשקער איז שוין געווען שטאַרק

302 איינגעבויגן, |...| און דאס פּנים שטאַרק געמאַרשטשעט".

פּלוג 74

י. ברייננסקי, ~~צייטפאל~~, נ׳ 13, ז׳ 196.

(ג ע)מ אַ ר ש י ר ט — פֿאַר פֿון מאַרשירן.

62 - גלא

געמאַשטשעט (זיך) - פֿאַר פֿון מאַשטשען (זיך).

ג ע מ <u>א</u> ש מ ע ט  – <u>אדי/אַדוו</u>. קאַליגראַפירט. (<u>עלט?</u>)

שיין געשריבן. געמאַשמעטע אותיות|<u>סטוטש 377</u>|.

2 o ז=

ג ע מ ב - דער, ~~געמבעס?~~. בנב.

... " אוועק איז ער פאַזע וואַלד און פֿאַזע פעלד,

305 מיטן בריטן פֿרייַען וועג - דעם אָפענעם געמב

פֿון דער וועלט". קאַציזנע, 2, 81.

1945 " צעפּראַדען דעם געמב // און צעבראַסטען ס'וואָרט".

306 לוצקי, 2, 98.

רעד: זאָל ס'זיַין דוו געמבע?!

65 – גרין

[redacted] – גרין

?ג? ג ע מ ב אַ צ ק ע – אַדי. (פֿטמ) וואָס האָט אַ גרויסע
געמבע (מויל), דאָ: באַריידעוודיק, פּיסקאַטע.

1864 " פֿאַר יום=כּיפּור איז |...| די זאָגערקע קראַנק
געוואָרן, נו, האָט זי פּחד געהאַט, מען וועט נעמען
אָן אַנדערע אַנשטאָט איר, וואָס יענע איז מער געמבאַצקע
אַלס זי"; דיק, 13, 8 – 9.

66 - גי״מ

ג ע מ ב י ק - אַדי. (שנש) פֿון דער געמבע, טיף, "קלינגענדיק".

1956 " דונערט ער אַרונטער // מיט דער געמביקער שטים זײַנער". גלאַטשטיין, 1, 273. 309

ג ע מ ב ל(ע ן  –  אוטדו. (אמ) שפּילן אין אזאַרטשפּילן,
אויף געלט.

1914 " ווער געמבלט טאָג און נאַכט? // פֿון שיכּורן
ווער טראַכט?". ראקאוו, 1, 8. 312

1961 " כ׳האָב געמיינט, אַז נאָך דער חתונה וועט ער זיך
סטאַטקעווען און אופֿהערן צו געמבלען". ש. ווינצער. 315
כ״ו 155,
צ׳ פאר, XI/12.

|| געמבליארניע – די, =ס. |סטוטש 516| .אַרט וווּ מע
שפּילט אין אזאַרטשפּילן.

**געמבלינג** – |דאָס?| באַ.(אַמ) דאָס שפּילן אין אַזאַרטשפּילן.

1966 " די יעניקע פּינצטערע עלעמענטן, וואָס לעבן פֿון
(פּנים 69
311 זנות, געמבלינג |...|". א. בלוישטיין, ~~צ' טמז~~, I–8.

**געמבלער** – דער, =ס. (אַמ) אַן אַזאַרט=שפּילער, דער
וואָס שפּילט כּסדר אויף געלט.

1910 " ווען דו שטעלסט אײַן אַ סענט אויף אַ קאָרט,
320 ביסטו אַ שוטה. און ווען דו שטעלסט אַ דאָלאַר –
ביסטו אַ געמבלער". ראָזענפֿעלד, 6, 35.

1926 –1950 " אַ מאַן |...| וואָס זײַן עבֿודה איז צו
318 ווײַלן מיידלעך, פֿטרן טעג און נעכט צוליב אַ קוש,
איז בײַ מיר ערגער ווי אַ מאַן אַ געמבלער".
אָפּאַטאָשו, 7, 176.

1956 " זי איז חושד, אַז ער איז פּשוט אַ געמבלער,
(פּנים 38
319 שפּילט אויף פֿערדלעך |...|". ש.מילער, ~~זש' גק~~, נ"25, ז"220.

**געמבלערײַ** – דאָס/דג. באַ. דאָס פֿאַרנעמען זיך מיט ~~א~~
אַזאַרטשפּילן.

1961 " |...| ער וועט אָוועקוואַרפֿן די געמבלערײַ
323 און זיך נעמען צו אַן אַנדער פּרנסה". ש. וויניצער,
פּנים 155
~~צ' פּאר~~, XI /12.

**געמבלעריש** – אַדי/אַדוו. [סטוטש 540 (פֿון) אַ געמבלער.

69 ~~71~~ - גימל

געמבע - די, =ס, פּפּ גאמבע. 1. אונטערשטער טייל פון פּנים ביי א מענטשן; באָרד. % ער האָט אַ ברייט פּנים מיט אַ בולטער געמבע. ס'וואקסן אים שוין האָר אויף דער געמבע.

1911 " יענע מיט רויטע נעז, מיט געמבעס, פון דער גוטער קאָמאַנדע". מענדעלע, 9, קאנק 1297750.

קאנק

68

1930 " |...| ראַזירטע געמבעס, געפּודערטע ווײַבער,
338 זאַטע, פֿײַן אָנגעטאָן". איינהארן, 7, 41.

1938 " די ווײַבער שאָקלען פֿרום מיט די שפּיציקע
359 געמבעלעך". י.י. זינגער, 7, 122.

2. (שפּאָסיק אָדער פֿעיאָ) מויל; פּיסק. % עפֿענען אַ געמבע.
פֿון איר געמבע האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קללות און
זידלערײַען.

1886 " און 'חברה' עפֿענען אױף די געמבעס און מען
329 זינגט צוזאַמען". שלום-עליכם, קינדער-שפּיל, ז' 114.

3. מאָרדע, פּיסק בײַ בעלי-חיים.

1975 " |...| זײַנע |דעם אָקס'| פּאָדערשטע פֿיס, אַרויף
קאנק ביז צו דער געמבע, פֿלאַקערן ווי אונטערגעצונדן
ווילדגראָז". סוצקעווער, 7, 30.

4. (פֿיג) שטים, קול (ס'רובֿ וועגן אַ שטאַרקער באַסאָווע
שטים).

1888 " לייזער=יאַנקל זעצט ווערטער, צעגיסט זיך |...|
אין שטייגער, איבערגײַיענדיק פֿון דער געמבע אין 336
אַ בײַקול". מענדעלע, 3, 57.

1901 " נח דער שווייצאַר |...| איז אַרויפֿגעשפּרונגען
אויף אַ בענקל און האָט זיך אָנגערופֿן צום פּובליקום 326
אויף אַ געמבע". שלום=עליכם, 24, 111.

1964 " |...| הייבט אָן אויף דער געמבע אירער צו
שלײַדערן מיט רופֿערײַען". י. קאַפּלאַן, 1, 38. 333

|| גע́מבענע – אַדי. (ווי) פֿון אַ געמבע, ב 4.

1938 " טוביה דעם 'קאַפּעליע=מײַסטערס' 'הילכער'
האָט מיט זײַן געמבענער באַריטאָן=שטימע איבערגעשטיגן 360
אַלעמענס |...|". בונין, 1.

גימ - 70

געם -

א געמבע פון א לייב - זייער א שטארקע באסאווע שטים.

א געמבע אויף שרויפן - (פעיא) וועגן איינעם וואס קאן א סך און שיין רעדן.

73 - גימ

ג ע מ ב ק ע - די, =ס. ס'רוב איז פּקפּ דאָס געמבקעלע.

(לאָקל, קעלצער געגנט) "דאָס דאַרע שפּיצל פֿון ברויט

אָדער חלה" |קטוו, י. בריקס|.

74 - גימ

געם -

?נ?          ג ע מ ו ז - דער, בא. (עלט) דער מוז, דער חוב |?|.

[צינחיב אַזאָ] "דער גימוס פון דער שכינה איז צוא שטראפין די

צדיקים אויף דער וועלט, כדי זיי זאלין ירשענען 427

יענע וועלט". קב הישר, 6.

רעד: דעם אויסטייטש גיב איך (מיט אַ ספק...) לויט
אַ פירוש אויפֿן קאַרטל, לויטן אויסלייג איז די
אויסגאַבע פון "קב הישר" ערגעץ פון אָנהייב 19טן י"ה.

75 – גד״מ

ג ע מ ו ז ט – פאר פון מוזן.

76 - גימ

ג ע מ ו ז ע - די, =ס. בנב.

1951 " אפשר איז דאָס אַ ליגן, וואָס די פֿויערים זאָגן, אַז מען האָט אַלע ייִדן פֿון געטאָ אַוועקגעפֿירט אויף אַ 'געמוזע'". עלבערג, 1, 172.

רעד: מע וואָלט געדאַרפֿט זען אין בוך אַ ברייטערן קאָנטעקסט. ס'קען זיין, אַז ס'מיינט אַ טראַנספּאָרטקמיטל.

77 – גימ

ג ע מ ו ט ו ו י ל י ק ט – פֿאר פֿון מוטוויליקן |הארקאווי|.

ג ע מ ו ט י ק ט – פֿאַר פֿון מוטיקן.

ג ע מ ו ט ל ט - פֿאַר פֿון מוטלען.

80 – [illegible]

?נ? ג ע מ ו ט ש ע ט – (רוס, נא) 1. פֿאַר פֿון מוטשען.

2. אדי. ~~רוס, נא~~ ניט עכט, ניט נאַטירלעך, קינסטלעך,

געמאַכט.

1863 " |...| זיי |די מלוכות| שטעלן זיך דורך זייער

369 געמוטשעטע חשבונות קעגן די גרעסטע פֿאָדערונגען פֿון

די פֿעלקער |...|". ~~צ׳ קמ~~ פֿרו 177, נ׳ 39, ז׳ 610.

1948 " זילבערט האָט בלויז |...| אַ געמוטשעטן

367 שמייכל געטאָן". פֿאַליקמאַן, 2.

81 - גד״א

[redacted] - געמ

ג ע מ ו י א ט - באַדרענגט. מהד: gemuot.

| |
|---|
| רעד: דעם טײַטש און די עטימאָלאָגיע גיב איך לויט דעם קאַרטל. לויטן ציטאַט איז עס אַ פּאַרטיציפּ פֿון "מויאן". |

15/4 " זי הלטן בל̈ט אונזר אַײ דש הוט מיך גימויאט
ויל". מגילה=ל״ד, שורה 453. 483

82 — גים

■ |געמויז| ג י מ ו ז – בנב. |דזוו גימוזיק/גימוזיכט?|.

1713 " ער גדאכט זיינר גנאד אונ' זיין ווארהייט אונ'

אונ' מאכט פרייא מיך אונ' ער בראכט מיך אויף 371

איש ליים אונ' גימוז". מחזור, 1, דף קצ – 1.

... " פֿר דען הערן דר דיא ערד בישאפן הוט, פאר דען

גאט פון (יעקב) דער דען שטארקן פעלזן פר קערט צו א/371

גימוז וואשר". דצוו, מד – 1.

רעד: הי טײַטשט: ההפכי הצור אגם מים = וואָס פֿאַרקערט דעם פֿעלדז אין

טײַך וואַסער. מיינט גימוז = "אַ טײַך, אַ אָזיערע" צי סתּם = "וואַסער"?

זען אויך די ווײַטערדיקע ווערטער: גימוזיק, גמוזיכט.

82|1

געמויזיכט - דאס, | =ן?|. (עלט) אַ וואַסער=

אײַנזאַמלונג, אַ געמויזעכץ, ב"2.

1843 " אייך משל איז צו אייך מענש דר ברימט זיך,

איך אונטר שטיי מיך צו לויפין דריי מייל פר די 383

פערד וועך זיי שטארק לויפן איך וואשער, צווישן

זאנד און גמויזיכט". אהרן מטריביש, 1, דף 22 – ו|?|.

## גימוזיכט/גימוזיך.

רעד: זעך אויך באַמערקונג צו"גימוז".

1626: "אויב עש קאן גרוש ווערן (גומא) פּימסן

(בלא ביצה) אך גמגזיכט |...|". ס' המגיד,1,איוב,ח – יא. 372

|יהואש טייטשט: בלא ביצה = אן א זומפּ|.

83 - גי״מ

געמויזעכץ - דאס, =ן/=ער. פּפּ |?| געמייזעכץ.

1. אַ זומפּ, אַ נאַסע לאַנקע. % דער באַטשאַן כאַפּט
זשאַבעס אין געמויזעכץ.

... "אַ מאָל איז זיך געווען אַ געמויזעכץ, עס איז
292/293 געשטאַנען אַפּאַרט |=אָן אַ זײַט|, אָפּגעטיילט פון דער
לאַנקע, ווו בהמות האָבן זיך געפּאַשעט". פּרץ, 6, 283.

1903 "אַ מין קאַמיש, וואָס וואַקסט בײַ אונדז אויף
707 יענער זײַט טײַך אין געמייזעכץ". שלום=עליכם,
20, 145.

1910 "עטלעכע גענדז און הינער האָבן זיך געפּיטערט
394 אין דעם גרינעם געמויזעכץ בײַם כוטאָר". פּרוג, 3,105.

1959 "|...| אַפילו די פּרעש אין געמויזעכץ האָבן
קאנק אײַנגענומען שטומעניש". באַשעוויס, ציט׳ 6, 30.

2. (עלט) אַ וואַסער=אײַנזאַמלונג בכלל (אָזערע וכדומה)
1832 "ביט מיר טוא דיינע פיינט צו איין ארב פון
391 גימוזיכץ וואשר". איבז, מחזור, 2, דף פו/א.
|אין אָריגינאַל: "...אגמי מים"|.

84

געמ - [redacted] •

1848 " דוא גאט וואש דיא האסט פארקערט דעם שטיין צו
זיין גימוזיכץ פון וואסר". איבז, מחזור, 3. 382
(יוצר ליום שביעי של פסח).

1941 " שטרעק אויס דיין האַנט אויף די וואַסערן פון
מצרים |...| און אויף זייערע געמויזעכצן". 386
תרגום יהואש, שמות, ז - 19.

3. (פיג)אומרייגע פוילנדיקע סביבה, מאַראַלישער זומפ.
% ער שטרעבט אַרויסצוקריגן זיך פון בירגערלעכן
געמויזעכץ.

1931 - 1935 " |...| אַרומגעקוקט זיך מיט טיפן ביטול
אויף דעם קוסטאַרישן געמויזעכץ |...|". מ. קולבאַק,
9/8, 107.

1973 "|...| אַרויסשלעפן די גאַנצע וועלט, דאָס גאַנצע
פאַלק, פון געמויזעכץ, קאָן מען נישט". א.י. העשל, 387
~~משיח אליק~~, ר"ה =נומער.

געמויזעכצדיק – אדי/אדוו. (שנש) זומפּיק, בלאָטיק.

(פור 122)

י. מאַרק, ~~דש׳ נייע ווערגן~~, ריגע, 1927.

מאַכן אַ געמויזעכץ פֿון עמעצן – (לאַקל, סאַניק)

שטאַרק צעשלאָגן, צעבלוטיקן עמעצן.

א' 85

68

גמויער - דאָס, בא. 1. דאָס מויערן, די מויערונג

|פֿינקעל, 1, 28, טערמין פאר דעם רוסישן| кладка . 399

2. עפּעס וואָס איז געמויערט (א וואַנט אע)

1932 " מע דאַרף עס נעמען אין אַכט און זען, אַז דאָס

גמויער זאָל |...| קענען בבישטיין דער שעדלעכער 400

ווירקונג פֿונעם שלאַק". פֿרומין, 1, 30.

1946 " |...| באַריקאַדע פֿון שטיין און געמויער".

אַש, 15, 181. 398

3. (שנש) אַ געמויערטער בנין.

1969 " דאָס מכּפּלהדיקע הויז, אַ שטיינערן געמויער,

מיט געבלאַנקטע סיווע ווענט |...|". האַגער, 21,2. 407

4. (שנש) אַ סך געמויערטע בנינים.

1949 " |...| האָט אַלעקסאַנדריע זיך פֿונאַנדערגעוויקלט,

ווי אַ ווײַס שוימבילד פֿון אַרכיטעקטור און געמויער". 397

י. י. טרונק, 7, 238.

ג ע מ ו י ע ר ט - 1. פֿאַר פֿון מויערן.

2. געבויט פֿון ציגל, שטיין, בעטאָן=בלאָקן (להיפּוך צו געבויטע פֿון האָלץ). % געמויערט הויז. געמויערטע וואַנט. געמויערטער בנין.

88 - גימ

458 ?נ? ג ע מ ו ל - דער, =ן. (באַט) בנבב.

רעד: חוץ דעם אַנווייז "באַטאַניק" איז מער גאַרנישטאַ
אויפֿן קאַרטל...

89 - גרש

ג ע מ ו ל י ע ט - <u>פֿאַר פון</u> <u>מוליען</u>.

90 - גמ

ג (ע) מ ו ל י ר ט - פאר פון מולירן. (?נ?).

(?נ?)

?ג? ג ע מ ו ל כ ט |געמוילעכט| - אַדי. געשמוגלט, דורכגעפֿירט

.422 ווי קאָנטראַבאַנדע. % געמולכטע סחורה |עלזעט,40,2|.

רעד: ביַי סטוטשקאָווין (482) איז דאָ דער ווערב "מולכן" , איז אפֿשר ניט נייטיק אויסצוטיילן באַזונדער דעם אַדיעקטיוו.

ג ע מ ו מ ט - אדי/אדור, סטוטש 420. וואס האט א מום,
א דעפעקט. % דער בחור איז ארויס פון דער מלחמה
א געמומטער, מיט א האנט ווינציקער.

93 - גער

געמ - [redacted].

ג ע מ ו מ ל - דאס/דער, בא. |סטוטש 278|. דאס

מומלען, מומלערײַ.

ג ע מ ו מ ל ט – פֿאַר פֿון מומלען.

ג ע מ ו נ ט ע ר ט – <u>פֿאַר פֿון מונטערן</u>.

ג ע מ ו נ ק ל  –  דאס/דער, באַ|סטוטש 278|. דאָס מונקלען,

מונקלערײַ.

ג ע מ ו ס ט ע ר ט - אַדי/אַדוו. (וועגן שטאָפֿן)
וואָס איז מיט מוסטערן (אוזאָרן), ניט גלאַט, מיט איין קאָליר. % די פֿויערטעס האָבן ליב געמוסטערטע קליידעלעך, מיט בלימעלעך, פּינטעלעך אָדער קעסטעלעך.

98 – גמ

(?נ?)

ג ע מ ו ס י ר ט – פֿאר פֿון מוסירן. (?נ?).

99 - גיר

ג ע מ ו ס ק ל ט - אַדי/אַדוו. 1. וואָס האָט שטאַרקע מוסקלען. % דער באָקסער איז אַ הויכער און געמוסקלטער חבֿרה=מאַן.

2. (שנש, פֿיג) שטאַרק, קרעפֿטיק, מיט גבֿורה.

1949 " געזען האָב איך שטעט // אין געמוסקלטן פֿייער". סוצקעווער, 4, 67.

431

ג ע מ ו ס ר ט |געמוסערט| - פֿאר פון מוסרן.

ג ע מ ו פ ט - פאר פון מופן.

102 - גזם

ג ע מ ו ק ע ט - <u>פֿאַר פֿון מוקען</u>.

ג ע מ ו ר מ ל - דאָס/דער, בא. דאָס דויערנדיקע
מורמלען.

1919 " פֿון צײַט צו צײַט ברענגט דער ווינט צו טראָגן
דעם ווײַטן געמורמל פֿון טײַך". הירשביין, 1ב, 59. 435

געם - [redacted].

1973 " דער מוח באַנעמט ניט דעם געמורמל פֿון די
ליפּן". אליצקי, 5, 231. 436

|| געמורמלערײַ - דאָס, =ען. דזוו דפֿוו.

ג ע מ ו ר מ ל ט – פֿאַר פֿון מורמלען.

(גע) מושטירט – פֿאַר פֿון מושטירן.

ג ע מ ז - ----← **געמזע.**

ג ע מ ז אָ ו ר ע – <---- **געמזן** (דאָס).

107 – גיי

ג ע מ ז י ק ט |געמאַזיקט| – פֿאַר פֿון מזיקן.

ג ע מ ז ן - אדי, וואס איז פון געמז(ע), געמאַכט

פון געמז(ע). געמזענע לעדער. דער געמזענער שוך.

1936 " איך די בגידישע יינגלעך און חתן=בחורים

|...| איך די געמזענע שטיוועלעך |...| האָבן געלעבט 481

אַ גוטן טאָג". י. י. זינגער, 6, 87.

1968 " געווים טראָגט ער אַ טײַערן סורדוט און

געמזענע קאַמאַשן". גראַדע, 7, 203. קאנק

109 - גמז

געמזע - די, =ס, פּפּ געמזן, =ן. 1. באַרגציג

(ווסנ *Rupicapra*)% די געמזע שפּרינגט פּלינק

איבער די פעלדזן.

1829 " זמר - געמזן". איבן, חמשה חומשי תורה,1,קיג-2,

דברים, יד-ה|. 451

1950|?| " געמזע, דאָס איז די ווילדע גרויסע,

שנעל לויפֿנדיקע באַרגציג, וואָס געווײנטלעך מיינט 465

מען, אַז דאָס זענען די "יעלים". פּיעטרושקאַ,

כלאים, א - ו.

2. ווייכע שיין אויסגעארבעטע לעדער פון ציגן.

1930 " מינים לעדער: דער כראָם; די <u>געמזע</u> |...|".

פער 162

<u>ש. ווינטער, ~~זב פש II~~, ז' 416.</u> 473

1969 " יוכט, כראָם, שעווראַ און געמזע". <u>קאציזנע, 2, 131</u>. 467

<u>געמזבאק</u> – דער, =~ בעק. <u>דזוו</u> <u>געמזן</u>, <u>ב 1</u>.

0 <u>געמזע=לעדער</u> – <u>די, בא.</u> דינע, ווייכע, פיין אויסגעארבעטע לעדער.

1974 " ער טראַכט: איז עס דען מעגלעך? אַפילו די
דייטשן וועלן נישט אויסקוילען מיליאָנען מענטשן 469
און מאַכן פון זייער הויט געמזע=לעדער".
<u>עלבערג, 2, 132</u>.

◻ <u>גיין שיקן אויף געמזע</u> – (<u>שבל</u>) גיין/ שיקן צום
טויט [פת 87, 90].

1974 " מען האָט אַלע ייִדן אַוועקגעשיקט 'אויף געמזע',

איצט פֿאַרברענט מען זייערע הײַזער". עלבערג, 2, 47. 463

ם געמז/געמשא.

-----> 1.

... " וזמר – אונ' איין געמשא". רייכלין 8, דברים, יג-ה.

|יהואש טײַטש: א באַרגשעפּס|. 453

1610 " דיז דש ויך דש איר זולט עשן איין אוקש איין

לאם |...| און איין געמז". טײַטש=חומש, דברים, יד-ה. 452

ג ע מ י א ו ס ט |געמיעס| (ז י ך) - פֿאר פֿון מיאוסן (זיך).

ג ע מ י א ו ק ע ט - פאר פון מיאוקען.

ג ע מ י א ט ש ע ט – פאר פון מיאטשען |הארקאווי|.

ג ע מ י ג ל ט - פֿאַר פֿון מיגלען.

116 – [illegible]

ג ע מ י ד ט(ז י ך) – <u>פֿאר פון מידן(זיך)</u> |<u>הארקאווי</u>|.

117 - גמז

געם - [redacted].

□ ג ע מ י ז - דער. בנב. | געמויזעכץ, ב 2?|.

?נ? 1668 " אונ' ער זאנט זייני שארן צו דעם גימיז

485 דיז ליימן אונ' ער ליס פאנגן דיא מאנן אונ'

דיא פֿפֿערד דיא ער האט גיזאנט מלוק". יוסיפון,2,דף קסב.

ג ע מ י ז ו ג ט – אדי. (שנש) געמישט, אויסגעמישט
(פֿון העברעישן אויסדרוק "מיזוג גלויות").

1965 " ערב די וואַלן אין 1959 זענען פֿאַרגעקומען '[illegible]
'אומרועען', פּראָטעסטן מצד די ניט=געמיזוגטע, 486
די מיזרח=ייִדן, וואָס האָבן געהאַט קריוודעס צו די
מערב=ייִדן, וועלכע קאָנטראָלירן די מלוכה".
ב.צ. גאָלדבערג, ~~צ' טמז,~~ V /2.

119 - גרמ

ג ע מ י ז ע – די, (דטשמ) פולל/פֿאַר גרינסן;
גרינוואַרג.

1886 " די געמיזע (גרינצייַג) = גערטן [טעקסט גאָרטן=
גערטנער] זענען שוין פֿאַרזייט און פֿאַרפּלאַנצט". פּ"ו 119, 74, 492
צ' ריפּאַל, נ' 18, ז' 287.

1908 " ווייַס פּליש, געקאַכט פּליש, |...| געמיזע,
וואָס האָט קיין מעלשטאָף, איז ערלויבט צו עסן". 495
איבן, דער אוצר פֿון געזונט און לעבן, ז' 30.

1970 " די דאַרפֿסגייער פֿלעגן אַנקויפֿן לאַנדווירטשאַפֿטלעכע
פּראָדוקטן, ווי צ"ב פּוטער, קעז, געמיזע, קאַרטאָפֿל, 489
אויפּס און אַנדערע". א. פּייַבלוביץ, ייזב זלאָטשעוו, ז' 30.

0 געמיזע=גאָרטן – דער, ~ גערטנער. (דטשמ) גאָרטן
פֿון גרינסן.

1900 " געוויינלעך מאַכט מען סעדער און אַגאַראַדן

(געמיזע=גערטנער) נעבן נייע אָדער ניט לאַנג געבויטע 497

הײזער". וועלער, 1, 8.

1968 " ביים שפּיטאַל איז געווען אַ געמיזע=גאָרטן,

וואָס איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן, כדי צו לינדערן אַ 496

ביסל דעם הונגער". ב. ארענשטיין. יזכ ~~אשוואצק~~, ז' 845.

ג ע מ ׳ י ט - <u>דאָס, =ער</u>. דער כּלל פֿון געפֿילן און
געדאַנקען וואָס באַהערשן אַ מענטשן אין אַ געוויסן
מאָמענט, סיטואַציע, זײַן פּסיכישער מצב; שטימונג.
פֿרײלעך/טרויעריק <u>געמיט</u>. פֿון דער לוויה זײַנען
אַלע אַוועקגעגאַנגען מיט אַ צעוויייטיקטן <u>געמיט</u>.
די שטורמישע געשעענישן האָבן אויפֿגערודערט אַלעמענס
<u>געמיטער</u>. באַרויִקן די <u>געמיטער</u>. מע האָט קוים
געקענט אײַנשטילן די <u>געמיטער</u> פֿון עולם אויפֿן מיטינג.

1814 " איין אופני שטאט אָן אמויר אזוי איז אמענטש
וואס האט קיין צום נישט צו זיין גמיט". 498
<u>איבן לעפּין, משלי כה - 28</u>.

1864 " |...| אויגן אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט
איר פֿינצטער <u>געמיט</u>". <u>מענדעלע, 12, 130</u>. 498/א

1911 " אַז אַלע אונדזערע שונאים זאָל אָנקומען אַזאַ
שווערקייט אויף די <u>געמיטער</u>, ווי מיר נאָך דעם גאַנצן 574
אויסשמועסן און אויסרייַדן זיך פֿון האָרץ".
<u>ווייסענבערג, 2, 214</u>.

1936 " איך גאַנצן דער באַלעבאָס מיטן אויג - האָט לאה=שרה
די דינסט פּרובירט ווייכער מאַכן זײַן <u>געמיט</u>". 555
<u>י. י. זינגער, 6, 23</u>.

1966 " אין טאָן, ווען אויך אַ פֿיש אין וואַסער ציטערט,
// |...| ווען וואָלקן נידערט ביז צום דאַך און בוים 576
// און שפּרייט אַ שרעק אונדזערע געמיטער" האַלקין, 68,4.

?נ? || **בײַגעמיט** — דאָס, =ער. (שנש) זײַטיק, ניט דאָמינירנדיק געפֿיל.

1944 " אָ...מאַדאָנאַ! — אַ באַקאַנטן אויסרוף, אַצינד
האָט דאָס געהאַט אַ שטאַרקן בײַגעמיט פֿון קרענקלעכער 639
אויפֿרעגונג". שניאור, 1, 315.

**געמיטיקייט** — די, בא. (שנש) די אייגנשאַפֿט צום אויסדויערן אין אַ געוויסן געמיט.

1962 " |...| אַנגעלאָדן מיט אייגענער טראַכטערישקייט
און אייגענער געמיטיקייט". א. אויערבאַך, ~~צ׳ טמז~~ (פֿעב 69) 9/IX. 663

רעד: מ'קען אָבער טײַטשן פּונקט פֿאַרקער. דאָס הייסט
אַז "געמיטיקייט" מיינט דווקא די אייגנשאַפֿט
צו בײַטן אָפֿט דאָס געמיט, די שטימונגען...
מע וואָלט געדאַרפֿט זען אַ ברייטערן קאָנטעקסט.

0 געמיט=באַוועגונג - די, =ען. עמאָציע |סטוטש 508,
מארק ווב. 1610|.

?נ? געמיטפּײַן - די, בא. (שנש) גײַסטיקער אומר, צערודערונג.
1966 " |...| ניט געוווּסט, איך וואָס פֿאַרא געמיטפּײַן
ס'לעבט זײַן גאַסט". צאַנין, 1, 105. 697

?נ? געמיטרו - די, בא. גײַסטיקע רויִקייט, שלווה.
1966 " |...| געפֿיל פֿון פֿילער שלווה און געמיטרו"ן
דצוו, ז' 104. 703

געמיטקראַנק – אַדי/אַדוו. (עלט) פּסיכיש קראַנק.

געמיט=קראַנקייט – די, =ן. (עלט) פּסיכישע קראַנקייט.

1897 " |...| האָט אונדז |...| דער קעניגלעכער דאָקטאָר
געהייסן פֿאַרן פֿאַרלאָזן, כּדי קיינער זאָל ניט וויסן 694
פֿון אירע צעמישטע רייד, וואָס דאָס קומט נאָר פֿון
געמיטס=קראַנקייט, אירע געדאַנקען זיינען אַ ביסל
געשטערט". איבן ל. שיינענזאָהן, 1, 32.

געמיט=צושטאַנד – דער, =ן. דזוו געמיט.

1958 " זיי |די ל/דער| האָבן אַזוי קינסטלעריש=פֿינקטלעך
איבערגעגעבן דעם געמיט=צושטאַנד פֿון דער לעבעדיקער 698
|?| ייִדישער אָרעמשאַפֿט". ביקל, 1, 277.

1973 " דאָס דערמאָנטע ליד |געבירטיקס| איז ווי אָפּגעמאָסטן
פֿאַרן געמיט=צושטאַנד פֿון דער שארית=הפּליטה |...|". 699
יזב ~~פּשטיק~~ 18, ד' 238.

ג ר י נ ג (ו ו א ר: ל י כ ט, פ ר י י,) ג ע מ י ט - א ג ו ט ג ע מ י ט, ג ו ט ע ש ט י מ ו נ ג, א ן ז א ר ג ן.

1888 " א ו י ף ד ע ם ס מ ך ה א ט ב י י ל ע ב י י ם ט י ש ז י ך ו ו י ל ג ע ט א ן א ו ן ז י ך ג ע ל י י ג ט ש ל א פ ן מ י ט א ג ר י נ ג ג ע מ י ט". קאנק

מ ע נ ד ע ל ע, 3, 231.

1957 " ו ו א ס פ א ר א ג ר י נ ג א ו ן פ ר י י ג ע מ י ט // ע ס ה א ט ב י י ם א ו ן ב ו י ם ג ע ב ל י ט |...|". ל ע י ע ל ע ס, 239,5. קאנק

ו ו י י ך ג ע מ י ט - מ צ ב פ ו ן נ א כ ג י ב י ק י י ט, ג ו ט ג י נ צ י ק י י ט.

1931 - 1935 " ה א ט ע ר ג ע פ ר ו ו ו ט א ו י ס נ ו צ ן א י ר ו ו י י ך ג ע מ ט |...|". מ. ק ו ל ב א ק, 9/8, 123. קאנק

שווער געמיט – מצב פון טרויער, צער, פאַרזאָרגטקייט,
באַדויער.

1832 " שרה האט גיהאט א שווער גמיט, ווייל זיא האט
קיין קינדר ניט גיהאט". מחזור, 2, יז/א. 636

1916 " מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט א שווער געמיט
האָט זיך דער בחור אַרויסגעגליטשט פֿונעם "אוטשאָנע 519
יעווריי". שלום=עליכם, 38, 244.

צעבראָכן געמיט [וואַר: געבראָכן/אָנגעבראָכן] – דזוו דפֿדו.

1885 " די שעכטאָפֿער, וואָס גאָט געפֿעלט, איז נאָר
איין צעבראָכן געמיט". מחזור, 4, שיר היחוד 530
ליום ראשון, ז' 3.

1912 " מיר זעען, ווי דער נעשיקער ראַדיקאַל |...|
פֿאַלט צו פֿלוצלינג צום ארון=קודש און טוט תשובה 584
מיט אַ געבראָכענעם געמיט". זשיטלאָווסקי, 4, 222.

1960 " מיט א צעבראכן געמיט קען מען אויפהאקן אלע

שלעסער פון הימל". גלאטשטיין, 2, 442. 578

צערוטן געמיט – צעוו דפוו [בעסערן ניסן].

ביטער געמיט – דזוו דפוו.

מײַן

? 1889 " פון גרויסע זארג איך קיין מאל פריי//ביטער

געמיט, מײַן זויער הארץ |...|". מיכל גארדאן,2,100. 535

1975 " איך וואלט אויסגעוויינט מײַן ביטער געמיט

פאר מײַן פשרער מאמען". באשעוויס,6,113. קאנק

אן אלט געמיט – (איר) וועגן א קינד וואס רעדט, פירט

זיך ווי א דערוואקסענער.

שווער(ער) מאכן [וואר: פאראומערן] דאס געמיט – גורם זיין

עמעצן צער, עגמת=נפש.

1944 " [דאס] גליק פון דער דערוואכטער וועלט האט

נאך מער פאראומערט דאס געמיט פון פראפינאטאר". 219

י. י. טרונק, 3, 219.

1952 " |...| ניט געוואלט שווערער מאכן די געמיטער,

וועלכע זיינען ~~אויך~~ אזוי אויך געווען געדריקט". 570

שניאור, 12, 197.

גרינגער מאכן דאס געמיט - טרייסטן, גורם זיין, אז

מע זאל ווערן פריילעכער, אויפהערן צו זארגן.

1949 " ער האט כאטש געוואלט א ווארט פון אים הערן,

אך איינציק ווארט, וואס זאל אים מאכן גרינגער 573

זיין געמיט". י. י. זינגער, 9, 199.

אנמאכן א געמיט - (פד) מאכן אך אומארדענונג

|ל. לעהרער, ~~דש׳ יישפ~~ פּלוג 90 !II - 6, ז׳ 80|.

**ארויסרופֿן די געמיטער** – (רעג, גאַליציע) "ארויסרופֿן

אַ קריגערײַ" |קטוו|. 511

**די געמיטער האָבן זיך צעהיצט** [וואָר: צעקאָכט/צעשפּילט] –

מ'האָט זיך אויפֿגערעגט, ס'איז געקומען צו אַ הייסן

וויכוח, מ'איז אַרײַן אין כּעס.

1968 " ווען גאַנץ קהל איז זיך צונויפֿגעקומען און מען

האָט אָנגעהויבן אַרומצורעדן די עניינים, האָבן זיך 518

צעהיצט די געמיטער און עס איז אַנשטאַנען אַ געשלעג".

ה. גייער, יזב ~~אסטראצק~~, ז' 727.

**ניט באַווײַזן קיין פֿרײַ געמיט** – זײַן תּמיד אָנגעברוגזט,

מרה=שחורהדיק, ניט גוטגינציק.

היטן דאָס געמיט - בלייבן רויק, קאַלטבלוטיק, ניט

פֿאַרלירן די גלייכוואָג.

ער (זי) ווייסט פֿון אַלע שווערע געמיטן - וועגן עמעצן

וואָס ווייסט אַלץ וועגן די אַרומיקע מענטשן.

אויסלאָזן צו עמעצן דאָס שווערע געמיט - אַרויסקומען

מיט טענות און באַשולדיקונגען צו עמעצן, וואָס איז

ניט שולדיק אין יענעמס דאגות אָדער צרות.

שוו: א שווערער בייטל מאכט א לייכט געמיט - ווער ס'איז

רייך, האָט ווינציקער זאָרגן.

א צעריסן געמיט איז שווער צו פֿאַרריכטן [וואָר: [illegible] צו היילן] -

ס'איז שווער צו העלפֿן עמעצן, ווען יענער איז אין

טרויער, דאגות.

מע קען פליקן פעדערן מיט א שווער געמיט - " ווערט
געזאָגט, ווען עמעצער דריקט אויס קינאה צי סתם
באַוווּנדערונג וועגן א גרינגער פּרנסה" |~~רש״י ישפ~~ IX, ז׳ 57|. פּוי 90

ווי דאס געמיט אזוי איז דאס געשלידער - דער אופן
אָדער רעזולטאַט פון אַן אַרבעט ווענט זיך אַ סך
אין דער שטימונג פון אַרבעטער.

▫ גימיט/גימוט/גימויט/גימיד.

←---- 1.

... " ותוכן רוח - דגמאטא". רייכלין 8, משלי, טז - 2.
|תי: פאַרשט די געמיטער|.

1610 " אונ׳ עש וואש אם מורגן אונ׳ עש וואש קלופּפן
זיין |פרעהס| גימיד אונ׳ ער זענדט אונ׳ ער רופט
אל צויברר מצרים". טײטש=חומש, בראשית, מא - ח.

505

666 1676 " דא זול מן איך |דעם רבש"ע| אן בעטן מיט רייני
הענט אונ' גנצי הערצן מיט צובראכני גימויט
דזער אים בישערן זול קינדר |...|". ברנט שפיגל,
פרק כ"ח.

647 1752 " די עיקר איז די דינסט גאטש גהער צו זיין מיט
פרייד אונ' מיט גיט גימוט". ס'עץ חיים, דף ג - ו.

2. כאראקטער, טבע (נאטור פון מענטשן).

590 1676 " דער אויף הלט זיין גימויט אונ' נידרט זייני
אויגן אונ' גימויט אונ' רעט ניט דברים בטלים,
דער קומט נעהר צו הקב"ה". ברנט שפיגל, פרק טו'.

581 1775 " איין פֿויארש גמיט איז נאריש זעהר // יעדרר
פויאר גערן איין הערשאפט ווער". איין שיין ליד
פון די הנד ווערקש לייט, 33.

133 - גזמ

ג ע מ י ט  וו ע ר ן  -  אוטוו. בגב.

?נ?  1626  " (חכם לב) איין קלוג הרץ נעמט מצות, אונ'

484  איין גרישר לעפצן (ילבט) ווערט גמיט".

ס' המגיד, 1, משלי, י' - ח. |תי: ווערט געשטרויכלט|.

134 - ג״

ג ע מ י ט ( ז י ך ) – פאר פון מיען (זיך).

ג ע מ י ט ל ט (ז י ך) – <u>פֿאַר פֿון</u> <u>מיטלען (זיך)</u>.

136 – גדי

105

ג ע מ י ט ל ע ך – אדי/אדוו. 1. איינגענעם, באקוועם, שלוההדיק. % די נייע וווינונג איז א קלענערע, אבער א געמיטלעכע, מיר פילן זיך זייער גוט אין איר.

1922 "פעטביי־כיקע שפינען שלאפן זיך געמיטלעך אין געדיכטן שפּנוועבס און חלומען". י.י. זינגער, 8,1.

683

1930 " די מאַשין, דער ראַדיאָ , די געמיטלעכע
676 היימזקע |...| און די ריינע נעכט ~~וועסט אַ ביסל~~ ווערן
אַ ביסל דערעסן". אײנהאָרן, 7, 131.

1968 " סלאָווע האָט איר צימער אין נאַרעווער אַכסניא
קאנק איינגעאָרדנט געמיטלעך, ווי אין איר לאָמזשער וווינונג".
גראַדע, 7, 356.

2. אומגעצווּנגען, פשוט, פריינדלעך.

[1931-1935?] " ס'האָט זיך זיי אַלעמען געגלוסט, אַז
קאנק לענגער זאָל זיך ציִען דער היינטיקער געמיטלעכער
אָוונט". מ. קולבאַק, 9/8, 137.

1948 " |סרולי האָט| געטראָפן לוזין מיט יאָסעלען
קאנק ביים טיש אינעם געמיטלעכן געשפּרעך באַשעפטיקט".
נסתר, 6, 287.

1970 " ווער וועט עס נאָך הערן דאָס געמיטלעכע

חכמהנען זיך פֿון די האַרעפּאַשנע גאַרבער=ייִדן איך די 687

הייסע זומער=אָוונטן?". א. פּייבלוביץ, יזב ~~זלאַשעוו~~, 7,

ז' 375.

3. געלאַסן, באַדאַכט. % די בעלי=בתּים גייען זיך

געמיטלעך פֿון קלויז און שמועסן צווישן זיך.

1937 " עפּעס אַ געפּאַקטער ברייטער ייִד |...| האָט

אויסגעטאָן געמיטלעך דעם אייבער=מלבוש, די קאַלאָשן 671

און ער האָט זיך צוגעזעצן צום טיש". [illegible], 3, [illegible] .57

1948 "|...| קוקנדיק צו די פֿאַרווונדעטע זיך אַלע

ווײַלע אום, האָט ער דאָרט פֿאַרגעזעצט געמיטלעך

זײַן באַטראַכטונג". מאַרקיש, 9, 123.

1964 " האָט ער זיך געמיטלעך אַרויפֿגעטאָן די באַגולטע

פּענסנע ". י. קאַפּלאַן, 1, ז' 109 |?199|. 664

4. עמאָציאָנעל, וואָס קומט פֿון געמיט, שטימונג.

1964 " דאָ האָט איר שוין בפֿירוש דאָס געדאַנקלעך=

געמיטלעכע איבערשליסן זיך פֿון מידת=הרחמים צו מידת=הדין".

פֿון 131,

י. שטערנבערג, ~~זש׳ סאָוו׳ היימלאַנד~~, נ׳ 4, ז׳ 15.

|| געמיטלעכקייט – די, בא. די אייגנשאַפֿט אָדער

מצב פֿון זײַן געמיטלעך.

צו באַטייט 1:

1951 " עס איז ניט געווען קיין איינוויגנדיקע

געמיטלעכקייט פֿון אַ ייִדיש=פּוילישער היים |...|, 688

עס זײַנען געווען ווינציקער קישעלעך און אַזוי פֿיל

פֿון 106,

אָנגעשטעלט". א. קאַצענעלנבאָגען, ~~דב ליטע~~, 4, 375.

1964 " דער הערלעכער אָרום גיט אַרײַן גאָר ווייניק

געמיטלעכקייט די מענטשן, וואָס פּרוּוון אויסגלייכן 690

יערע בײַנער אויפֿן גראָז". י. קאַפּלאַן, 1, 218.

140 -

צו באַטייַט 2:

1946 " דער הומאָר |שלום=עליכמס| אויסגעלייַטערט און

פּאַרטיפּט, די געמיטלעכקייט און אומגעצוווּנגענקייט 692

פֿון טאָן, אין וועלכן ער דערציילט זייַנע מעשׂיות".

ניגער, 5, 74.

1948 " באַלד האָט זיך סרולי אויך אָפּגעקערט פֿון

אברהמלען, גלייַך ער האָט |...| פֿריִער מיט א מינוט קאנק

|...| מיט אים זיך ניט אָנגעקערט און אין קיין שום

נאָענטער געמיטלעכקייט זיך ניט צונויפֿגעקומען".

נסתר, 6, 356.

צו באַטייַט 3:

1911 " נעמט דער קאַסירער צו דעם רייניש מיט אַ ווינער

געמיטלעכקייט און דערלאַנגט אים אַ בילעט". 689

מוירער, 1, 15.

<u>צו באטייט 4:</u>

1939 " איך נעם די פעדער אין דער האנט - // פאראנען

פיל צו שרייבן,// עס פעלט נאר <u>געמיטלעכקייט</u> // 693

די ווערטער אויפצוקלייבן". <u>רויזענבלאט,</u> 5 ~~לידר~~

<u>(ליד" א ידידי=ברייוועלע פון דער היים").</u>

142 - גזמ

ג ע מ י ט ע ט – פֿאַר פֿון מיטען |הארקאווי|.

ג ע מ י ט ן – פֿאַר פֿון מיידן.

144 - גע

ג ע מ י ט ש ע ט – פֿאר פֿון מיטשען (קול פֿון אָקס).

145 - גרמ

ם |געמיין| ג י מ יי ן - |דער?| געמויזעכץ , ב 1.

1701 " פון וועגן דן זיא וואונן צווישן דען גימיין

705 אונ׳ זומפין, דער הלבן האבן זיא ברייטי פיס דן זיא

דש דר בעשר קענן גין". מעשה-בוך, 2, מעשה י"ב.

גע -

ג ע מ י י ז ע כ ץ ! - ------> **געמויזעכץ.**

145/2

גע -

(?ב?) געמייזעכץ !! - דאס, =ך. גרינוואַרג, גרינסך.

|בערעזניאַק|.

ג ע מ ײַ ל - דאָס, באַ. (נש, אגוו) באַשטימטע צאָל מײַלן (דערלויבטע צו פֿאָרן; דורכגעמאַכטע אין אַ וועג; דיסטאַנץ אין מײַלן; באַשטימטע צו אַ וועגשטייער א"א).

ג ע מ י י ן I - דאס, |=ן?| (עלט) עדה, עולם;
קהל, ציבור; געמיינדע.

|אנהייב XIX| " בייא בארג סיני זענען מיר געשטאנען
826 אל די גמיין // יונג אונ' אלט, גרויש אונ' קליין".
יענטע בת יצחק, ז' 43.

1866 " ביך איך אומגעריכטערהייט צוגעקומען צו
769 איינעם גרויסן געמיין מענטשן וואס |...| האבן געווארט
אויף דעם פאפסט וואס דארף באלד קומען". דיק, 80,25.

1889 "און לאז שוין זיין פאר מיר אליין // טויגן
773 ניט מיינע לידער,// אפשר טויגן זיי פאר דעם געמיין,
// נוצן פאר מיינע בידער". י.ל. גארדאן, 2, 27.

ם

## גימיין/גמיין.

... " זא ווערדן אל ורויאן גמיין // געבן אויף

716 איר מאנן גרוש אונ' קליין". מגילה מינכן, דף מ/89ב.

1626 " אונ דיא זינדגר קאנן ניט בשטין (בעדת) אין

774 דען גימיין אונ' אין דר גיזעלשפט פון דען צדיקים".

ס' המגיד, 1, תהילים, א - ה.

1723 " ער זאל בפעלן דער בשעפר זיין גנאד צו אלי די

807 יודשי גמיין". ברכת המזון, דף טו/ב.

148-ער (ג ע מ יי ן !I - אדי/אדוו. 1. (וועגן מענטשן)

פון אַ נידעריקערן סאָציאַלן מצב, ניט ייִחוסדיק, פּראָסט, אומגעלערנט. % קהל האָט זיך ניט גערעכנט מיטן געמיינעם עולם. דער בחור שטאַמט פֿון געמיינעם שטאַנד, זײַן טאַטע איז געווען אַ בעל=עגלה. דער ספֿר איז ניט פֿאַרן געמיינעם גראַד, נאָר פֿאַר לומדים.

|182...| " ר׳איז געוועזן פון זייער אגמיינער משפחה |...| דיא ברידר זענען געוועזין גרוסע פוחתים |...| הולטייעס, מיטן אלטן פאטר האטר זיך אליין גישעמט |...| מחמת זיין גראבקייט |...|". מאלאגה, 1, 229. 725

1898 " אפשר מיינט איר, הייליקער רבי, אַז מײַן טאַטע איז אַ בעל=מיוחס, חס-ושלום, ער קומט אַרויס פֿון אַ פּראָסטע|ר| געמיינע|ר| משפּחה". י.ל. מארגענשטערן, 110,1. 749

1923 " דעם וואָקאַבל |"באש"| האָט אויך דער ייִדישער גנבֿים=זשאַרגאָן, בכלל ווערט ער גענוצט פֿון געמיינעם קלאַס און ייִדישע גאַסן=הענדלער". י. טריוואַקס, זב. פֿור 33 בײַ אונדז ייִדן, ז' 168. 727

1975 " געשטאַמט האָט זי פֿון אַ געמיין הויז, דער
זיידע אירער, איטשע, איז געווען אַ קצבֿ". קאנק
באַשעוויס, 6, 77.

2. אָרעם. % דער ייִד איז געבען אַ געמיינער מאַן און
מוז אָנקומען צו קהל נאָך קיצבֿה. דער פלהס עלטערן
זייַנען ניט קיין געמיינע מענטשן, האָבן זיי געגעבן
אַ שיינעם נדן.

1864 " דו ביסט אי קליין אי געמיין. וואָס איז,
ברודער, אין דער וועלט אַ קבצן?". מענדעלע, 146, 12. קאנק

1901 " בייַ אונדז |אין כתרילעווקע| אַן אָרעמאַן |...|
715 האָט יתרוס געמען: פֿאַראַן אַ געמיינער מאַן, און אַן
אָרעמאַן, און געבען אַן אָרעמאַן, און |...| אַ קבצן
אַ דלות |...|". שלום-עליכם, 17, 9.

1926 - 1930 " |...| און אַז מען איז געמיינע לייט,
803 איז וואָס? נישט אַלץ איז עשירות, טאָכטער!".
אַפּאַטאשו, 13, 83.

1948 " אפילו איצט, ווען די עלטערן |זײַנען| שוין

געמיין און כמעט ~~בא~~ ביז לעצט אויסגעבײַטלט, קלעקט נאָך קאַנק

בײַ זיי גענוג ליבע |...| מיט וואָס נאָר מעגלעך

אים אונטערצוהאַלטן". נסתר, 6, 232.

3. (ווען זאַכן, סחורות אד"גל) פֿון אַ נידעריקן סאָרט,

קוואַליטעט, קאַטעגאָריע. % דער סאָרט געוואַנט איז

אַ געמיינער, קאָסט ער ביליקער. ער קויפֿט אויף

געמיינע סחורות און פֿאַרקויפֿט זיי איך די דערפֿער.

1848 " |...| קניילליכר פון זייד וואש דרינגין איז פאר

האנדין דריי אירלייא מינים דהיינו גאנץ גוטש און 804

גימיינרש און גאר גימיינש |...|". חובות הלבבות, 57,3.

1891 " עס פֿאַרשטייט זיך אַז אַ גוטער אַקער=באָדן וועט
אײַנברענגען מער ווי אַ געמיינער אַקער=באָדן". 722
וועבער, 1, 27.

1903 " אויך דאָס קאַפּעלישל האָט אויסגעזאָגט דעם סוד
אַז דאָס באַדאַרף זײַן זייער אַ געמיין קאַפּעלישל". 717
שלום=עליכם, 27, 152.

4. אומאָנשטענדיק, אומלײַטיש, אומווערדיק, שפּלדיק.
% דאָס איז אַ געמיינער פֿאַרשוין, אַ שלעגער, אַ
הפֿקר=יונג. אַלע זײַנען אויפֿגעבראַכט פֿון זײַן
געמיינער האַנדלונג קעגן דער אַלמנה. ער רעדט
געמיינע, גראָבע רייד.

1910 " מען דאַרף נאָר לייענען די היגע צײַטונגען
אום צו זען, ווי ביליק, ווי פּרעך, יאָ, ווי 733
אומפֿאַרגעבלעך גמיין די היגע שרײַבער פֿאַרטראָגן זיך".
ראַזענפֿעלד, 6, 98.

1935 " אַזאַ געמיין שטיק! אַזאַ נבֿפּהניצע!". פּערלע, 3, 117. 718



1968 " חוץ מזה טאָר מען ניט אָנרירן קיין דבֿר מאוס,

|...| מע טאָר ניט הערן קיין געמיין וואָרט". קאנק

גראַדע, 7, 309.

|| געמיינהייט - די, =ן. דזוו געמיינקייט.

1894 " די ריינסטע געפֿילן, |...| // ווערן בעטראָטן

פֿון שמוציקע ברואים,// פֿון דומהייט, געמיינהייט 907

און שאַנד". עדעלשטאַט, 2, 40.

1919 " פֿון די דאָזיקע געמיינהייטן און שוואַכקייטן

האָט זיי אָפּגעהיט זייער גרויסער גלויבן". 910

זשיטלאָווסקי, 9, 229.

153 - געמ

1959 " גאָגאָל האָט*פֿון אַ סך געמיינהייטן |...| זיך

באַפֿרייט דורך דעם וואָס ער האָט זיי אָפּגעגעבן 895

זיינע העלדן". ניגער, 9, 176.

געמיינקייט - די, =ן. אומאָנשטענדיקייט, אומלייטישקייט,

אומווערדיקייט, שפלות, אומווערדיקע מעשים.

1952 " איך וועל אַרויספֿירן אַלץ ווי בוימל אויפֿן

וואַסער, אַרויסטרייבן די גאַנצע געמיינקייט פֿון 1002

דער אָפּטיילונג". איבז' י. גוטערמאַן, 1, 178.

1970 "דערפֿאַר, אַז יידן האָבן געזען 'פֿאַרשטעלטע'

פּאַליאַקן אין דער גאַס, האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז מע

דאַרף זיך היטן, ווייל מע קאָן פֿון זיי דערוואַרטן

פֿאַרשיידענע ברוטאַלע אַנטיסעמיטישע געמיינקייטן". 1005

7 ,73

~~דוב דלאַטשעווס~~, ז' 34.

